STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02307

# TSU GOT UN TSU LAYT

Mark Schweid

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון מאַרק שווייד:

---

בורשטינענע שיסלען, פּאָעזיע
מיט פּרץ׳ן, בלעטלאַד זכרונות
צו גאָט און צו לייט, פּאָעזיע

מארק שווייד

# צו גאָט און צו לייט

פאַרלאַג „ווערבע"
ניו יאָרק
1926

Copyright, 1926,
by Mark Schweid

## צו גאָט דורך פּאָסט

ווען איך זאָל קענען שרייבן.
אויבערשטער גערעכטער,
די שיינקייטען פון אַלע דיינע וועלטען קומען אום.
די וועלט איז שיין געווען,
ווען איך בין רייטענדיג אויף דיין גענאָד געקומען,
ווי אַ קינד אויף אַ גיפּסען פערדעל אין אַ קאַרוזעל.
און יעדען שטאַפּעל פון מיין פרייד און שיינקייט,
וואָלט איך, אויבערשטער גערעכטער,
אויף דיינע וואַנדלענדיגע פאַרמעטענע הימלען
מיט אַ סטילוס פון געבעט דיר אָנגעשריבען,
ווען איך זאָל קענען שרייבן.

ווען איך זאָל קענען שרייבן,
וואָלט איך זיצענדיג אין מיטען סקווער פון אונזער וועלט
אויסגעקריצט דיין נאָמען אויפ׳ן אָנלען פון מיין לעבען.
און אין יעדער שטילער גאַס פון מיין ווייטער וועלט,
וואָלט איך אויף די מויערען פון האַרטער פּיין,
דיין נאָמען און אַ לויב אים אָנגעצייכענט,
ווען איך זאָל קענען שרייבן.

ווען איך זאָל קענען שרייבן!
אָבער אַלע וועגען זענען סיי-ווי-סיי פאַרשטעלט.

און וואָס איך זאָג און טו
איז דאָך נישט מער ווי אותיות
וואָס קיינער ווייסט נישט זייער באַטייט.
אַנ'אייביגער, הייליגער ווינט הינטער מיר
פאַרווייעט מיינע תפילה־טריט,
וואָס פירען צו דיר.
וואָלסטו נאָר פאַרנומען אַ צייכען פון מיר,
דורך שפּאַלטען אין שטיינער
צי בלומען אין גראָז,
דורך שוים אויפ'ן ים צי דורך טריט אויפ'ן זאַמד.
איך וואָלט נישט געווען אַזוי איינזאַם אָן דיר,
ווען איך זאָל קענען שרייבען.

## משה זכות

מיט קנאַפּע דרייהונדערט יאָר צוריק,
האָסטו אין שפּינאָזאַ׳ס אַמסטערדאַם
פֿאַרפֿלאַנצט אַ שמייכעל פֿאַר מיין געמיט.
איך ווייס: די זון איז דאַמאָלס
אויפֿגעגאַנגען איבער האָלאַנד.
אָבער פֿאַר דיר, אין דיין פֿינסטער קליידֿ פֿון רמזים,
וואָס איז פֿאַר דיר אַ זונאויפֿגאַנג ?!

און ווייל דיין לעצט געביין
איז שוין מסתמא לאַנג פֿאַרשוואונדען,
און מען קען דיין שטויב נישט מער געפֿינען,
אפֿילו מיט׳ן בעסטען פֿאַרגרעסער-גלאָז,
וואָס דיין אינגעל-חבר ברוך האָט געשליפֿען,
זינג איך דיר דערפֿאַר דאָס ליעד,
דו וואונדערליכער קאָלאָסאַלער קאַבאַליסט און קאָמיקער.

אַזוי אַזוי !
האָסטו געוואָלט פֿאַרגעסען דיין לאַטיין
און פֿערציג טעג געפֿאַסט דערפֿאַר.
דו וואונדערליכער נאַר !

האָסטו טאַקע דאַמאָלס נישט געוואוסט,
וואָס איך און די חברים מיינע ווייסען היינט?

אויב דיין ווייס הארץ
איז איינמאָל איינגעשמירט
מיט דער גראָבער פאַרב פון ווייסען,
קענסטו מיט׳ן פיינסטען גאַזאָלין פון פאַסטען
דעם פלעק נישט אַרויסנעמען.
ווי שיין עס פאַסט דיר
אין דיין פינסטער קלייד דער שפּאַס.

פרעכטיגער נאַר!
ווען איך זאָל קענען עפּעס פון דעם,
וואָס איז געפאַלען אויף מיין הארץ
אין פאַרלויף פון מיינע טעג,
אָפּמעקען מיט תעניתים —
ווייב און קינד וואָלט איך פאַרלאָזט,
וואָלט עולה רגל געווען צו דיין קבר
אין אַ גראָבען קיטעל,
און וואָלט מיט דעם איבערבלייבעכץ פון דיין מומיע
געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר אַ אידישען מוזעאום.
נאַר ווי די וועלט שטייט,
ביזטו דער פרעכטיגער נאַר
און איך דער וואונדערליכער חכם.

## שרייבענדיג אויף פייכטע שויבען

מיט מיין פרייד,
וואָס בליהט אויפ׳ן באָדען פון מיין אומעט,
וואָלט איך אַמליבסטען געזעסען ביים פענסטער
און געקוקט ווי די וועלט גייט פאַרביי.
די רעלסען פון טראַמוויי
וואָס לויפען חבר׳שאַפטליך פאַראַלעל
און שיינענדיג אין דער זון,
ווי דער וועג פון אייביגקייט אין הימעל, —
שול-קינדער — ווי אויפ׳ן צפון איבערגעפלאַנצטער לאָטאָס,—
מאַסען — ברייט און טיף און רירעוודיג ווי די וואָלגע,
און אין טראָטואַר, נאָס נאָכ׳ן רעגען,
שפיגעלט זיך גאָט און אַלץ, וואָס איז קלענער פון אים.
שטער מיר נישט קינד,
צו שרייבען מיין נאָמען אומענדליכע מאָל
אויף די טויאיגע שויבען פון פענסטער.
איך וויל דורכ׳ן ליכט פון די אותיות
זען ווי די וועלט גייט פאַרביי.

## דאָס קליינע קעסטעלע פון שוואַרצען וואונדער

אויפ׳ן אָפּגרונט פון ערפאַרונג,
צווישען ים־געמויזעכץ פון ווילדען ווײ,
אין אַ קעסטעלע פון האַרטער פּײן
ליגט פאַרזונקען מײן גאָלדענע פרייד.

אַ צײט וועט קומען, ווען איך וועל זײן
דער בראַווער קאַפּיטאַן פון אַ פּיראַטען־שיף,
וואָס וועט זיך לאָזען אויף די ים׳ען
פון מײנע קורצע טעג,
און מײנע בלאַנקענדיגע אויגען מיט׳ן לעצטען פײער
וועלען גלעטען די גרויסע טיפענישען,
ווי צוויי מידע גליהווערם אין דער נאַכט.
אין זיגזאַג צאַנקענדיג,
און דאַנקענדיג אַן׳אומבאַקאַנטען גאָט
פאַר ליכט און פײער,
פאַר ליכט און לעבען,
פאַר אַלץ, וואָס איז געווען און איז פאַרגאַנגען.

דאַמאָלס וועל איך אויפזוכען
און אויפהויבען צו דער זון
דאָס קליינע קעסטעלע פון שוואַרצען וואונדער,
און באַפרייען אויף אייביג
מײן אייביג לייכטענדיגע פרייד.

## נאַרציסען אין ווינטער

אין מיטען ווייסען ווינטער
זענען דריי נאַרציסען,
תפילה טוענדיג אין מיין וואַזאָן,
פון די קברים אויפגעשטאַנען,
און מיך געקומען דופטיג שרעקען
מיט'ן אָטעם פון מיינע יונגע יאָרען.

עפּעס האָט זיך דאַמאָלס
אין מיין פיינליך לעבען
אָנגעשפּאַנט און איבערגעבראָכען.
און מיינע הייליגע דרייסיג יאָר
זענען פלוצלונג מיר געוואָרען
ווייט און פרעמד און לאַנג-פאַרגאַנגען,
ווי אַ ליבע שיף, וואָס גייט מיר אָפּ פון ברעג
און איך שטיי און קוק איר נאָך
ביז דער האָריזאָנט פאַרהעגגט זי.
און דער היינטיגער טריבער טאָג
איז מיר ווי דער גאָט-באַשערטער קאָרק
צו אַ פלאַש מיט בשורות,
וואָס מען לאָזט אויפ'ן ים
אין אַ צייט פון שיפבּרוך.

פֿאַר די דריי נאַרציסען האָב איך
אויסגעוויינט דעם לעצטען טוי פֿון מיינע אויגען,
זיי געוואָרפֿען צו די פֿיס
דאָס מידע האַרץ פֿונ׳ם מיטעליעריגען
און מיט גסיסה זיי געבעטען:
ברענגט מיר נישט צוריק
דאָס שענסטע פֿון מיין לעבען.

נאָר די דריי נאַרציסען,
אַזוי ווי דריי מלאכים
אין אַ קינד׳ס אַ חלום,
האָבען פֿרום געזונגען:
ווייך נישט, ווייך נישט מידער מענש,
אונזער אָטעם איז פֿאַרגענגליך
און מיר זינגען דיר צום לעצטען מאָל.

דריי נזירים שטייען שטיל אין מיין וואַזאָן,
און ווי עס בליט דער דופּטענדיגער טויט
פֿאַר מיינע אויגען
גיס איך אָן די גרינע שטאַנגען
ביז די ווייסע קעפּ,
מיט׳ן קאָסטבאַרען וואונדערבלוט פֿון מיין האַרץ,
און וואַרף דאָס האַרץ אַליין אַוועק,
ווי אַ ליידיגען קירבים אין דער מדבר אויפ׳ן זאַמד.

אַזוי וועל איך געבוירען
אַ מיטעליעריגער מענש,
פאַרנעמענדיג מיט צער,
אַז די ליכטיגע נאַרציסען
וועלען פאַר מיר מער נישט זינגען,
און אויב זיי וועלען זינגען,
וועל איך זייער געזאַנג נישט פאַרשטיין.

## דער ליכטיגער טויט

וועמענס פֿאַרלוירענע לעבן
פֿליהט אַזוי פֿלינק,
ווי אַ רויט־ווייסער טויט־פֿאַל
אַראָפּ פֿונ׳ם שנייבאַרג?

מיינס, מיינע גאָלדענע קינדער.

גאָלדענער פֿאָטער,
דער ליכטיגער בויגען,
וואָס ווערט אויפ׳ן הימעל געמאַכט
פֿון דיין לעבן אין פֿאַלען,
טרייסט אונז מער און פֿאַרשפּילט אונז מער,
ווי ווען די זון זאָל פֿאַלען.

## אויף דער לייטער צום שפּיץ פון מאַסטבוים

דאָ אין דעם טרערענטאָל
פאַרברענגען מיר אונזערע טעג
פאַרגייענדיג איינער דעם אַנדערענ׳ס וועג.
און מיר פאַרלירען די נעכט
וויינענדיג צו דער לבנה.

דאָ אין דעם טרערענטאָל
שפּינען מיר זיידענע לייטערס צו גאָט.
דערגרייכען מיר אים
איז נאָך אונזער וועלט נישט פאַרלוירען, —
דערגרייכען מיר נישט,
איז סיי ווי אַלץ הבל הבלים.

# טראַדיציע

טויזענט פרילינגס, ווי לאַכענדיקע מיידלאך,
וואָס זענען איבערנאַכט געוואָרען אַלטע ווייבער,
האָבען זיך פאַרזעצט אין אַ פינסטער ווינקעל
הינטער דער פעסטער לעצטער מויער
פון אַן׳אַלטער חורבה און קניפּען קניפלאך,
און קניפּען אוים אַ ריזען־נעץ
פון גינגאָלד און פון רויך, פון זיידענציייג און נויט.
און מיר, אַזוי ווי אויסטערלישע פיש,
וואָס ווילדע פייגעל האָבען
פון די טייכען אַרויסגעשראָקען,
פליהען אום, ווי וויינענדיגע פלעדערמייז
און ציטערען אין ריזען־נעץ
און וויינען שמייכלענדיג:
גליקליך, און דאַכט זיך נישט,
זיכער, נאָר נישט אינגאַנצען,
ווי נסים אין באַגריף פון פּראָסטען פאָלק.

## ווען דער שטורעם ברענגט די זון

ערשט איצטער איז עס אויפגעגאַנגען
אין מיין ברענענדיגען הימעל:
הינטער זיבען פרענטעס גליט מיין זון,
און דורך יעדער טיפּעניש געפינט מיך די לבנה.
נאָך אַ בייזע שעה און נאָך אַ גסיסה־רגע
און איך וועל אַריבערפאַלען אויף דער וואַנט אין צוויי,
ווי אַ מאַריאָנעטעל אויף אַ שפּאַניש ווענטעל.

לאָזט מיך נאָר אַליין מיט אַלעם דעם,
וואָס גליט אין מיר דורך לאַנגע יאָרענדיגע שעה'ען.
אַלץ אין מיר, וואָס שטרוי און פּלעווע
וועט דער גוטער ווינט צעיאָגען.

# פון הימעל הענגענדיג

האָט איר אפשר געזען דעם מלאך,
וואָס זאָל מיר אויף זיידענע שנירלאך
אַראָפּהענגען אַ וויגעלע פון הימעל,
אַז איך זאָל מיך ווידער וויגען
צווישן די שטערן.

מלאך מיינער,
גיב גאָט די שנירעלאך צו האַלטען
און זעץ דיך אויפ'ן ברעטעלע מיט מיר.
אין די הענט צוויי גלעזער,
שוימענדיג מיט טיפען רויטען לייכטזין,
וועלען מיר זיך וויגען
הענגענדיג אויף דער לבנה
און שיקען טרייסטענדיגע גרוסען
פון די פרייע וועלטען
צו אַלעם, וואָס איז נידריגער פון הימעל.

## דער זילבערשמיד האָט פיבער

אינ׳ם בלייכען זילבערשמיד׳ס געהירן
ברענען שטעט און דערפער,
וואָס אַ האַנט פון בלאָען שניי
האָט מיט אַ קאַלטען צויבער-צייכען
אויפגעבויט און אָנגעצונדען.
אין די פלאַמענדיגע שטעט
קלערען קלאָר און קלוג סנהדרין,
אין די פלאַקערדיגע דערפער
פאַסטען פרומע איינזאַמע נזירים.
נידעריגער, צו דער ערד צו
שטרעקט זיך אַלץ דאָס פייער,
באַלד כאַפּט זיך אָן זיין האַרץ,
וואָס וועט זיך פריי צופלאַקערען,
ווי אַ פאַרנאַכטיגער הימעל,
פון אַ פאַרבלאָנדזשעטען זומערטאָג
אין מיטען ווינטער,
צושינדען אין פאַרביגע פאַסען פון וואונדער.
באַלד קומט דער לעצטער צויבער-צייכען

פון דער בלאָער שנייהאַנט,
און בייזע ווינטען וועלען
ווייט און ברייט צובלאָזען זיין געביין,
ווי די פונקען
פון אַ ברענענדיגער קינדערשפּיל אין גאַס.

## לאַכט און וויינט מלאכים, איך זיץ אויף דער ערד

און אַז דו האָסט צו אַלע מיינע געבעטען
געענטפערט ניין,
האָב איך אָנגעשפּאַרט מיין גליטשברעט
אָן דער שוועל פון זיבעטען הימעל,
און אויף די שטאָלענע שליטלאך פון ערפאַרונג,
אַראָפּגעפלויגען איינס צוויי דריי
פון זיבעטען הימעל
אין טיפסטען אָפּגרונט אַריין.

שטייף ווי אַ מאַנעקען בין איך
געבליבען זיצען. הענט און פיס
צושפּרייט אין שטוינען,
ווי אַ קינד איבער דעם וואונדער פון אַ טיר,
און דאָס פּנים,
ווי ביים לעצטען ליך אין צירק,
אויף דער ערד.

# די רויטע דאָמינאָ

פרישע מילך און גוטער שלאָף
האָבען מיט נאַרהאַפטע בייטשען
פאַרטריבען די פלאַפעלדיגע קנייטשען
פון מיין איינזאַם פנים.
נאָר צוויי פאַדימדיגע פאַלדען
לויפען אַרום מויל
און זענען די רעלסען פון דער נשמה.
אָפטמאָל זענען פריי די רעלסען
און זיי זעהען דאַמאָלס אויס
ווי הייליג גאָלד.
און איבער אַלע דרייצענהונדערט
סודות פון מיין לעבען
הענגט מיין שמייכעל,
ווי אַ רויטע דאָמינאָ
אויף די שנירלאך צוויי פון גאָלד.

# דער אַפּאָסטעל אין דער נאַכט

אַזאַ ליכטיג וואונדער איז געשען מיט מיר
די גאַנצע נאַכט.
אין דער פינסטער פון מיין איינזאַמקייט
האָבען בלויז געשיינט די טרערען,
איפ׳ן שאָדען וואָס איך האָב געליטען,
ווייל די תבואה-פעלדער פון מיין גלויבען
שטייען דאַר און קוואַר.
און פלוצלונג אַזאַ ליכטיג וואונדער.
איך בין יוחנן דער הייליגער,
אַן אויסגעמאָלענער אויף אַ לאַנגען פענסטער
פון אַ קליינער קירך
אין אַ ווייט פאַרוואָרפען דאָרף.
די זון פאַלט ווייכער
אויף די קעפּ פון קניענדיגע מענשען,
ווען זי שלאָגט זיך אָן אָן מיין וויטראַזש.
און וואָס עס איז מיר שווער אַלס איוב
אין דער וואַיענדיגער נאַכט,
דאָס איז מיר גרינג,
אַלס פאַרבענרייכער סאַנקטוס אויפ׳ן גלאָז,
און ווען עס קומט אַמאָל אַריין

אַ בלייכער איד ווי איך
און שפּאַרט דעם מידען קאָפּ אָן
אָן די גראַטען פון אַ טונקעלער קאַפּעל,
פאַרוואַנדעל איך מיין פּנים
אין אַן איינפאַכער גריזאַיל
און שמייכעל צערטלאך איבער אים
און איבער אַלע יונגע זוכענדיגע אידען,
און איך בין אים אַלצדינג מוחל
פון מיין גלעזערען האַרץ.

## מיין קליין געצעלט אין גרויסען פרילינג

מיט׳ן מאָרגעשטערן איז דער פרילינג אויפגעשטאַנען
און מיט זיין גאָלדענעם קנאַפעל
אַנגעקלאַפּט אָן דער האַרטער ערד.
איז דאָס גראָז אַרויסגעקומען,
מיט אַ ליכטיג גרינעם שמייכעל זיך פאַרנייגט
און געפרעגט: וואָס איז?
דאַמאָלס האָב איך פלוצלונג אין דער זון
דערזען מיין קליין געצעלט פון קליינליכקייט,
די שויבען אין די קלוגע פענסטער אויסגעהאַקט,
און אַ לעכערדיגער דאַך מיין איינציגע באַשיצונג.
האָב איך אָנגעהויבען וויינען
מיט׳ן ערשטען פרילינגס-רעגען
אויף מיין לעבען — שטורם און נעפּעל.
ביז דער שלייער פונ׳ם לעצטען ווינטער
האָט מיר אָפּגעווישט די טרערען,
און צום לעצטען מאָל פאַרצויגען
טייך און טייכעל מיט אַ הויט פון גלאָז.

## פאַרוואָס עס קומט דער באָבען פרייד

פונ׳ם טויטען קאַלכאַוויווען האָט פלוצלונג
אַרויסגעזעצט אַ לעבעדיגער פלאַם.
און מיט דער פיין פון פייער
אין דער נאָז און אין די אויגען
איז מיר אויפגעגאַנגען די פאַרדינטע פרייד,
וואָס מיר האָבען דער באָבען צוגעטיילט.
פינפאונזיבעציג יאָר איז זי געווען
אַ דינסט ביי גאָט.
געקאָכט פאַר אים, געבאַקען און געוואַשען,
דריי דורות קינדער פאַר אים אויפגעצויגען.
אין אירע אויגען מינגלט נאָך
די שיין פון שניי און גראָז.
און וואָס זי האָט געזען,
האָט זי געזען פאַר אים.
עס אָטעמט נאָך אין אירע אויערען
דער קלאַנג פון רעגען אויף זומערדיגע ביימער,
די פרומע רייד פונ׳ם יונגענמאַן
וואָס איז געווען איר חתן און דערנאָך איר מאַן.
און אַלדאָס גוטס און אַלדאָס בייז,
האָט זי געהערט פאַר אים בלויז.

פאַר זיין ליבען נאָמען.
די באָבע האָט געלעבט,
און זי פאַרדינט דערפאַר די פרייד פון אונזער ליעד.

הינטערן שלאָס פון אַ ווייט פאַרגאַנגען שווייגען,
ליגט די אָנונג,
אַז אַ וואונדערוועלט פון זיבען הימלען
ליגט פאָראויס פאַר איר.
נאָר מיר, וואָס אונזער דערשראָקענע פרייד
וויינט יעדען פרימאָרגען
אויפ׳ן זוניגען געלעגער,
מיר געדענקען נאָך פון דער יוגענד
די פיין פון צו לאַנג לעבען.
און די נשמה וויינט, ווי דער נגון
אין דער האַנט פון אַ קראַנקען ווירטואָז,
פון צאַרטקייט און רחמנות צו דער באָבען.

דערפאַר טראָגען מיר איר צו
דעם בעכער וויין און דאָס ליעד פון פרייד.
אַז וועו זי וועט נאָכ׳ן לעבען קומען אַהינצופאָרען,
אינ׳ם זילבערנעם רייטוואָגען פון טיפער עלטער,
זאָל זי אין דער נאָענט פון אים אַליין דערמאָנען זיך,
אַז מיר, דער יונגער וואלד,
האָבען איר געגעבען שאָטען, דופט און צערטליכקייט,
איידער דער ווינט האָט זי אומגעבלאָזען
און אַריינגעלייגט אין ארון.

## אַ שפּאַציר מיט׳ן אָוונטשטערן

נעכטען זילבערצייט האָט דער אָוונטשטערן,
צוזאַמען מיט די אָוונט־פייגעל און מיט מיר,
געוויינט אויף אונזער אָוונטלאַך פאַרגיין.
איך בין צוגעפאַלען צו דעם ווייסען דעמב ביים וועג
און האַרץ צו האַרץ געזאָגט מיט טיפען גלויבען:
נישט אמת, אַז די זון וועט מאָרגען אויפגיין.
נישט אמת. — פינקעלט מיר דער אָוונטשטערן צו.
און די ביטערגרינע בלעטער פונ׳ם דעמב
שורשען מיט דער שטילקייט פון די וואָלקענס:
אמת, אַז עס איז נישט אמת.
פרעגט דער אָוונטשטערן: וועמען האָסטו ליעב?
און איך ענטפער: בלויז דעם אמת פונ׳ם צער,
וואָס פינקעלט אין דיין פּנים.
זאָגט דער אָוונטשטערן ווייטער:
לייג אַוועק דיין קישען אויף דער האַרטער נאַכט
און שלאָף ביז גאָלדצייט, מידער מענש.
איך האָב מיט פּיין דערציילט מיין לעבען
פאַר אַ טויטער קלאַפּערשלאַנג ביים דעמב
און בין געטרייסט געוואָרען.
דער אָוונטשטערן האָט פאַרשטעלט זיין פּנים,
דער ווייסער דעמב איז שטיל
און איך בין ווייטער איינזאַם.

## די נשמה פון מיין פנים

אויף אַ דעמב אין פעלד
האָב איך די נשמה, פון מיין פנים אויפגעהאנגען,
אַז דער ליבער ווינט, וואָס קען מיך,
זאָל אויף דער ליכטיגער לייטער פון זון
זי ברענגען פאַר גאָט.
אַלץ אין מיינע אויגען וואָס איז אמת
וועט מיין האַר דערקענען,
און דאָס זאַלץ פון מיינע אַפּלען
וועט ווי טוי צוגיין.
נאָר ביז דער וויטער ווינט
וועט זיך פאַרנעמען אויפ׳ן וועג צו אים
שווייג איך שטילע תפילות ביי דער טיר פון גאָרטען,
וואָס וועט איבערמאָרגען אויפגיין,
און מיט דער תמימות פון אַ קינד אין נויט,
וואָס בעט צום ערשטען מאָל אַרויף,
גלויב איך, אַז אין אַלע היילען, וואו די פיין מאַכט פינסטער,
וועט מיין שטרענגער האַר אַ שמייכעל טון
און אומעטום וועט ליכטיג ווערן.

# אין אַקראָסטיך

געלויבט זיי האַר פאַר אַל דיין גנאָד.
עס פאַרפייניגט מיך מיין שווער לעבען:
לאָז מיך תפילה טאָן מיט טינט אויף פאַרמעט.
ווי איז מיינע טעג און ווינד די נעכט,
יאָגענדיג דעם ווינט פאַרליר איך דיך
ביז מיין לעצטער בליק ווערט צאַנקען —
טאַטע, האַר, דערלייזער, — זיי געלויבט.
זיבען גראָע טעג וויינט אוים מיין וואָך,
יעדע נאַכט וויינט אוים אַ ניי געבעט.
יאָר איין, יאָר אוים, ווי טאָג נאָך טאָג באַגער איך דיך.
הערענדיג מיין אייגען האַרץ דערהער איך דיך.
איך וועל דיך געפינען און דערגרייכען, כאָטש
רופען וועל איך אייביג שטיל דיין נאָמען.

# גע̈בעט פאַר דער שיף

האַר מיין האַר, זיי זענען קינדער נאָך,
זיי פילען נישט דעם גרויסען בראָך:
די שיף דאַרף אונטערגיין.

גאָט מיין גאָט, האַלט איין דעם ווילדען ווינט,
באַווייז זיי, אַז זיי זענען בלינד:
די שיף דאַרף אונטערגיין.

האַר מיין האַר, מעק אויס דיין גרויסען גזר,
דורך אַ נס באַווייז זיי די געפאַר:
די שיף דאַרף אונטערגיין.

גאָט מיין גאָט, דאָך דיינע נישט פאַרגעס,
נאָך איינמאָל רוף זיי אויס דעם נס:
זי וועט נישט אונטערגיין.

## די גליִענדיקע לעמפּלאַך האָבן געוויינט

קיינער האָט נישט געוואוסט
פאַרוואָס די גליִענדיקע לעמפּלאַך
אין אָוונט אויף דער רוישנדיקער גאַס
האָבן אָנגעהויבן וויינען.
ס׳האָט קיינער נישט פאַרנומען דאָס געוויין,
חוץ מיר און דיר און אונזער גאָט.
פון די ליכטיקע פענסטער האָט זיך געצויגן
דאָס ווייסע געזאַנג פון די פאַרבן,
אַ גאָט-פאַרלאָזטער מענטש האָט געבעטעלט,
אַן אָרעם קינד האָט פאַרקויפט
די לעצטע נייעס פון דער בערזע,
קאַפּעלושן אויף מענער און אויף פרויען-קעפּ,
האָבן גייענדיק אַראָפּגעפּלאָפּעלט
אַלע סודות פון אַן אויסגעטראַכטער פרייד,
זיידענע זאָקן אין לאַקירטע שיך
האָבן שאַרענדיק דעם טראָטואַר,
געשטעלט אייביקע פראַגן דעם הימעל.
און קיינער האָט נישט געוואוסט,
פאַרוואָס די גליִענדיקע לעמפּלאַך
האָבן אָנגעהויבן וויינען,
חוץ מיר און דיר און אונזער גאָט.

# דריי מיידלאַך אַרויסגעראַטעוועט
# און אַ חלום דערטרונקען

דריי מיידלאַך, אַזוי ווי דריי גאָלדענע פישלאַך
זענען געשוואומען ביים ברעג פון אַ גאָלדענעם מאָרגען.
איך בין געזעסן אַליין אויף אַ שאָטען פון שיפּברוך
און זשעדנע געציילט מיינע מושלען.
וואָס כ'האָב אין פאַרוואָלקענטע גאָטלאָזע טעג
געזאַמעלט ביים ברעג ים מיט אַ געבויגענעם רוקן.
האַסטיג און עלאַסטיש נאָך די מיידלאַך נאָכגעשוואומען
איז מיין יונגער מיט געלעכטער-פלאַטערדיגער חלום.
מיין חלום — אין די קינדעריאָר מיין שפייזער
אין די אינגעליאָר מיין פאַזש —
איז אַצינד מיין אָטעם און מיין טרייסט.
ווי אַ כוואַליע אויסגעפּוצט אין פראַנזען,
צאַרטע וואַלאַנסיען און סטענגעס,
יאָגט זיי נאָך מיין ווינט-געקושטער חלום
ביז דער טיפעניש פון יעדען לייכטזין.
נאָר ביים מינדסטען אָנריר און דערגרייכונג
שרעקען זיך די גראַציעס פאַר דער ליכטיגקייט,
וואָס יאָגט זיי נאָך אין שפּאַן פון ליבשאַפט,
און רופן הילף און פרייען זיך אין פיין,

וואָס קיינער חוץ דעם יעגער איז נישטאָ,
וואָס זאָל זיי ראַטעווען.
און מיט מי און מיט דער לאַסט פון ליבע
וואָס געדויערט אייביג, האָט ער זיי דערגרייכט
און מיט ריטערליכער גראַציע
זיי דערפירט צו זוניג זאַמד און זיכערקייט.
און אַליין מיין חלום האָט אַ ווייל זיך אויפגעהויבען
און אַ רגע שפּעטער שווער און זענקרעכט,
ווי אַ טויטע מעווע פון דער לופט,
אַראָפּ, אַריין און נישט געוואָרען.
בלויז דאָס פינסטערע שמאַראַגדען-גרין
פון טיפען וואַסער, האָט מיט ברייטע טענער
אָפּגעקילט און אויסגעלאָשען
אַלץ ביי מיר אין האַרץ, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען,
מיט דער פרייד פון פאַרב און קלאַנג,
ווי אַ קאַרניוואַל אין רוים.

## לויבליעד אין פאַרגלייכונגען

אַ געזונטער דעמב
שטייט פעסטער פון אַ דאַרישען קאָלום,
אַ גראַדער גייסט
איז שענער פון אַ יאָנישער זייל.
דו ביזט העכער
פון מיין באַגער נאָך דיר,
און נענטער ווי דאָס גרין פון גראָז צום אויג,
איז מיין זעל צו דיין שוועל.
פרעמדער פונ׳ם פרעמדען ליכט
פון קינדער־טרערען,
איז מיין בלאָנקען
אין דיין טונקעל קעניגרייך.
אַ וואָלקען און אַ מילב איז צו פאַרגלייכען,
צו פאַרגלייכען איז אַ שאָטען און אַ ליעד,
נאָר דו אַליין . . .

## דאָס קאַנאַריקעל האָט בנאמנות שיין געזונגען

(פינסטערע צייטען זענען אויפגעשטאַנען
פאַר דער ליכטיגער פּאָעזיע).
קיינער גלויבט נישט אָן אַ בנאמנות,
אַז דאָס קאַנאַריקעל האָט שיין געזונגען.
(קאַליברען, מעוועס און פלאַמינגאָס
מיגרירען דורך מיין ווייט געמיט.)

ביים פרישטיק איז געשען די קאַטאַסטראָף.
דער עס־זאַל איז גראַנדיעז,
גענוג פאַר זעקס צי זיבען הונדערט געסט.
ראָקאָקאָ און ליכט־פאַרגאָסען,
פון די הויכע פענסטער הענגט אַראָפּ די זון
און פון די עסעס און די זשיראַנדאָלען מיניענדיג
עלעקטריש ליכט.
אַלץ אַרום, חוץ מיר, איז בירגערליך רעאַל,
אין דער האַנט אַ לעפעל קאַשע,
אין מיין מויל דער טעם פון קינדהייט,
אין די אויגען: מאָרגען־טעלעגראַף.
און פלוצלונג שפּאַלט זיך דער הימעל
פאַר מיינע ווייטע אויגען,
און אין אַ דיסטינגירטער ריי

גייט דורך די אַלטע דיכטונג.
מיין נשמה האָט זיך פריי צעבונטעוועט,
זי פליט אַרום דעם קליינעם אַבאַזשור
און רופט אַלאַרם:
די קלאַסיקער, די קלאַסיקער.
דער קעלנער הויבט אויף מיין סערוועטעל פון דער ערד,
פאַרנויגט זיך טיף און ווייזט מיר אָן
דאָס שטייגל איבער מיר מיט דעם קאַנאַריקעל,
וואָס האָט זיך בנאמנות שיין צעזונגען.
אַ וויכטיגער עמיץ קומט אריין
און גייט פאַרביי מיין טיש.

(קנעפלאך פון אַ ווערסט צעזינגען זיך דאָס ליעד
פון די זיבעציגער יאָרען
פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט,
אַ פיגור געבויגען פאַר אַ דאַמע,
מיט אַ שטעקען ווי אַ שפאַגע
אין אַ מאַנטעל ווי אַ פאַנצער
מאָנט ביי מיר אין שטומען ביישפּיל
די ריטערליכקייט פון מיטלאַלטער).

## אינ׳ם רינג

דריי די מטבעה און טרעף:
קאָפּ צי שלאק.
די מטבעה איז קיילעכדיג
און קיילעכדיג דער טיש,
ווי די וועלט און ווי דאָס לעבן.
און וויפיל בלאסע שפּילער
מיר זאָלען דאָ ביים טיש נישט זיצען,
אייביג זענען מיר אַ קיילעכדיגע צאָל.
דריי די מטבעה און טרעף:
קאָפּ צי שלאק.

# אַ קווינטעל גאָלד און אַ צענטנער בליי

פון אַ גראָען קוימען
אויף אַ שוואַרצען הויז אין פעלד,
שטעקט אַרויס אַ שטומער שטאַנדאַר
מיט דער פאָן פון איינזאַמקייט.
פינסטערער באַוואוינער פונ׳ם וויטען הויז,
מיין אַליינזיין זוכט באַשיצונג
אינ׳ם שאָטען פונ׳ם פלאַטער פון דיין פאָן.
ביידע איינזאַם וועלען מיר צוזאַמען
נאָך איינזאַמער זיין,
ווי אַ קווינטעל גאָלד מיט אַ צענטנער בליי.
דער שרעקט מיט באַהאַלטענעם פייער,
און דער מיט טעמפּער שווערקייט.

## דער ווייסער נעבעל

איז אָנגעקומען דער ווייסער נעבעל
און מיט זיין ווייסקייט אונז פאַרשטעלט
די פאַרביגע וועלט.
און ס׳האָט דער נעבעל
נישט דערלאָזט אונזערע טרערען
צו ווערען
דאָס פאַרבען-געזאַנג פון אונזער טרויער.
אַלץ איז ווייס ביים צפון-טויער.
מיר האָבען אומזיסט מיט דער לעצטער דרייסטקייט
געגלאָצט אין דער ווייסקייט.
די פאַרהאנגענע וועלט איז די שענערע וועלט
און ס׳געוויין פון באַגער איז דאָס טיפסטע געוויין.
און דער ווייסער נעבעל זילבער-ריין
האָט בלענדענדיג געשריגען:
די פאַרביגע וועלט איז אַ ליגען.

## דער שאָטען פון׳ם חלום וועגן מאָרגען

אַ שטאַרער שאָטען פון אַ חלום,
שווער ווי דער מאַמעס ברוסט
ביי אַ זויגקינד אין דער האַנט,
און געבראַכט אַ רייסטער און אַנ׳אָפּבילד
איז געקומען פון אַ ווייטען קראַטער־אינזעל,
וואָס וואַשט זיך יאָרענווייז אַרום פון ים,
און געבראַכט אַ רייסטער און אַנ׳אָפּבילד
פון מיין נעבעלדיגען מאָרגען.

דער טאָג וואָס לייכט אַצינד
איז בלויז דער שוואַכער ברענענדיגער קין,
וואָס לייכט אַריין אין שוואַרצען לאַבירינט
פון טעג וואָס דאַרפען קומען.
און דאָס געוויין פון דער פאַרגאַנגענהייט
איז דאָרט דאָס ליעד,
וואָס וואַשט אַרום די ברעגען פון׳ם תהום.
דער רייסטער זאָגט, כ׳וועל מאָרגען
ווידער האָבען אַנ׳אוידיענץ ביים וויצע־קעניג,
און לויט אַ רייע אַלטע פאַרמעטענע דאָקומענטען,
אין אַ שופלאַד פון מיין קעניגליכער זעל,
וועל איך מאָרגען ווידער עסען רייז מיט מילך.

און אויב איך וועל נאָך זעקס אַ זייגער
טריי זיין צו דער שעה פון פריער,
וועל איך ווידער קריגען אַ קאָנצעסיע,
קלאָר געשריבען אויף אַ בלעטעל קאָרע,
אַז איך מעג, ווי אַלע מיינע יאָרען,
האַנדלען מיט דער וועלט אַרום מיר —
קויפען פאַר אַ גילדען און פאַרקויפען פאַר אַ צענטנער
גואַנאָ — וואָס איז בלויז אַנ׳אמת וואָרט פאַר פויגעלדרעק.

איך זיין באַרוהיגט און געלאַסען
אין מיין איצטערדיגער שעה,
ווי אין אַ גאָנדאָלאַ אונטער מאַנדאָלין־מוזיק,
און פאָר מיט פרייד און גלויבען
צו די ברעגען פון מיין מאָרגען.
נאָר דער שאָטען — פונ׳ם חלום
מיט׳ן רייסטער און דעם אָפבילד פון מיין מאָרגען,
און די קנייטשען אויף מיין פנים
פונם לעצטען הערבסט,
זענען סצילא און כאַריבדיס
און איך בעט צו דיר מיין גאָט: גענאָד.

שטאָרער שאָטען — פון מיין חלום,
גיי צוריק צום וויטען קראַטער־אינזעל
און זאָג דער מאָרגענדיגער זון,
אַז איך וועל אָנקומען.

כ'וועל פאַרנאַרען אַלע מיינע נעכטענס
אויף אַ לעכערדיגער שלעפשיף אויפ'ן ים
און וועל זי זינקען.
אין מיין האַרץ איז אויפגעגאַנגען דאָס געלעכטער
איבער מיר און מיינע שוואַרצע קליידער.
אייל דיך שווינדענדיגער שאָטען,
זאָג דער זון, וואָס וועט ערשט מאָרגען שיינען:
איך וועל אָנקומען.

# אויף הלל גמזו׳ס פעלד

דער האָגעל־שטורעם נעכטען שפּעט נאָכמיטאָג
האָט דעם גאַנצען טאַבאַק אומגעלייגט.
(ווייסט איין גאָט נאָר וואָס ס׳באַטרעפט דער שאָדען!)
איך, דזשעק בלאָשטיין און יהונתן בר־אברא —
אַלע דריי פאַרמאַטערט שוין
פון אויפשטעלען צוריק דעם טאבאק.
און בר־אברא, דער נישטגוטער זאָל אים נעמען,
גייט נאָך אום אַ גאַנצען הייסען טאָג
און זינגט אַראַבישע נגונים, וואָס פאַר׳שכור׳ן די הענט
און האַלטען אָפּ זיי פון געשווינדער אַרבעט.
צוויי־און־צוואַנציג אַקער פרעכטיגער „שאָטען־געוואקסענער",
אָבער וואָס קאָנען מיר דריי נישט געוואוינטע, אויפטאָן?
און ווען די זון איז שוין באַלד הינטער קיבבים באַרג,
פאַרדריסט אונז, וואָס דער אַלטער גמזו
האָט אויף זיך צופיל גענומען.
(לומים דער נעגער איז היינט אויך נישט געקומען. —
ווי ער היט עס זיינע אָנדערטהאַלבען אַקער אוגערקעס
און ס׳שטיקעל גערטענדעל פון קראָפּיווע!)
— העי, בר־אברא, ווער גייט עס דאָרט ביים נייעם שייער?
— גמזו. שוין צוריק פון פאָסט־אָפיס.

מיט אַ בריוו אין האַנט דערנענטערט זיך דער אַלטער:
— אַ פריילעכע בשורה, קינדער.
מאָרגן קומען צוויי בחורים פון ניו יאָרק,
וואָס האָבן שוין ביי מיר געאַרבעט פאַראַיאָרן,
און וועלן בלייבן מן הסתם ביז איבער סוכות.
רירעוודיגער שטעקן מיר אַריין די שטעקלעך
אין דער פייכטער און צעוויי כטער ערד.

# די אידען און די נאָנעס

דער טאָג איז געווען גאָלדיג ליכטיג,
די גאַס וואו איך וואוין אַזוי שטיל;
מיין זוהן זעט מיר אוים גרוים און וויכטיג,
ווען ער רעדט מיט זיין שפּראַך פון „איך וויל“.

איך רעד מיט מיין שפּראַך פון „מען טאָר נישט“,
און האַלט מיך ביי מיינס „גיי אין פּאַרק“.
כאָטש כ׳וויים שוין, אַז העלפען וועט גאָרנישט,
דאָך פיהל איך מיך איינזאַם און שטאַרק.

נאָר אָט גייען לאַנגזאַם צוויי אידען
און נאָנעס צוויי גלייך הינטער זיי, —
כ׳בין נאַרוואַס געוועזען צופרידען
און שוין טוט די זעל אין מיר וויי.

איך טראַכט פון די אַלטע גבורים
און ס׳איז מיר דער טאָג שוין נישט העל;
די אידען צוויי טראָגען מחזורים,
די נאָנעס צוויי צלמים מיט קרעל.

און פלוצלונג באַפאַלט מיך מיין גרויקייט,
איך זוך צו באַשיצען מיין קינד,
און טראַכט שוין מיט פיין און מיט רויקייט:
פיר שוואַרצע משוגענע הינט.

און כ׳בין שוין נישט מער אַזוי גלויביג
און פרעג שוין מיט צווייפעל „אין פאַרק?“
אַנ׳איינזאַמער בלייב איך אויף אייביג,
נאָר כ׳בין שוין נישט מער אַזוי שטאַרק.

# טריט אין שניי

ביז די קני אין שניי גייען יעגערס צוויי.
ביקסען צוויי, ווי צוויי שפּאַציר־שטעק,
פֿאַרפֿרוירענע וואָנסען, ווי גראָז מיט גלאָז,
און פּיפּקעס מיט פֿייער און רויך.
ביי איינעם אויפֿ׳ן אַקסעל אַ געשאָסענער טכויר,
און הינטער זיינע טריט מאַכט דאָס טריפֿנדיגע בלוט
קליינע רויטע בלימעלאַך אין שניי.
ביים צווייטען אויפֿ׳ן אָרעם
זיצט אַ וועווריקעל, וואָס לעבט נאָך,
מיט אויגען, ווי מיין טאָכטער,
ווען זי איז שלעפֿעריג און זאַט.
יעדער טראָט פֿון דיביידע יעגערס
אין דער קלאָרער ווייכער פֿלאַך,
מאַכט אַ וואונד אינ׳ם ווינטער׳ס ווייסען האַרץ.

## דער ווינט בלאָזט שניי פון בוים

אויפ׳ן ווייטען הויך־פּאַרשנייטען באַרג
שטייט אַ יונגער נאַקעטער וואַלד.
(אַ פּרעכטיג ווייס זיידען נאָדעל־קישעלע
באַדעקט מיט זילבערנע
הימעל־הויכע שפּילקעס).
די זון צושמייכעלט זיך קאָמפּלימענטיש
צום מיידלשען וואלד,
אַ פרעסטלדיג ווינטל לויפט פון בוים צו בוים,
ווי אַ בריפטרעגער מיט גוטע בשורות.
און אַ לאַנגע לאַנגע מינוט
רעגענט דורכ׳ן וואַלד מיט שטיקער שניי,
ווי טויטע, נאָר אויף אַ רגע לאַבענדיגע, ווייסע פייגעל
וואָלטען אומגעפלויגען אָן אַ וועלט.

# אייז און שניי

עלף פּאָליאַקען און וואָליקעס
זעגען אייז אויף דער אָזערע קיאַמעשאַ.
דריי דרום־רוסישע אידען,
וואָס רעדען מיט׳ן קמץ שטאָט א פּתח,
צעפירען די קאַלטע דאָמינעס
אויף ברייטע פעסטע שליטענס
אין די אייז־קעלערען אַריין.
דער אומבאַדינגטער האַס
צווישען די זעגערס און די פירערס
ליגט פאַרפרוירען ווי די קיאַמעשאַ,
ווייל זיס איז די זומערדיגע אַרבעט
אין מיטען האַרבען ווינטער.

# אַ טאָסט

איך טרינק פאַר דעם, וואָס עס לעבט אין מיר.
און נאָכאַמאָל: פאַר דעם, וואָס עס לעבט אין מיר.
איצט נעמט די פולע גלעזער צו די ליפּען און זאָגט:
פאַר דעם, וואָס לעבט אין מיר.
פאַר די נעכט פון בליהענדיגען צווייפעל,
פאַר די טעג פון וועלקענדיגער פרייד,
פאַר די ערשטע רגעס נאָך יעדען רגע־גליק,
פאַר יעדער פאַטאַ מאָרגאַנאַ אינ׳ם לאַנד פון זוכען,
פאַר יעדען דונער, וואָס האָט געטראָפען
אין אַ בוים פון מיין גלויבען,
פאַר יעדען וועג, וואָס איך האָב אויסגעטראָטען,
פאַר אַלץ, וואָס האָט מיך געלאָקט און גענאַרט
פאַר די מושלען אויף די ברעגען פון מיין מוט,
פאַר די רינגען, צלמים, דרייעקען און סוואַסטיקאַס,
וואָס זענען דער פייערדיגער וועבשטאָף פון מיינע חלומות,
פאַר יעדער קרעל אויף דער שנור פון מיין זיין —
פאַר דעם, וואָס לעבט אין מיר!

## ווי שפּעט איז?

ווי שפּעט וועט זיין אויפ'ן זייגער
אין גריניטש אין ענגלאַנד
ווען איך וועל, רבונו של עולם,
אַ בלייכער אין פּיין און אין זינד
מיך שטעלען פאַר דיר?

דאָס וויפּעלטע בערגעל
פון האַרבסטיגע בלעטער,
וועט דער קערער פון סקווער
האָבען אויסגעקערט,
ווען דו וועסט באַפעלען,
אַז פאַרווישט און פאַרשוואונדען זאָל ווערען
דאָס לעצטע פון מיר.

גאָרטען-היטער, ווי שפּעט איז?

# די סאָנעטען

רבונו של עולם, פאַרדעק און פאַרוואַנדעל
מיין עניו׳דיג פנים. אַ נס לאָז געשען
דער מאַרק זאָל דעם צער פון מיין תפילה נישט זען,
וואָס שטייגט אויף דיין לייטער בשעת איך האַנדעל.

עס לעבט אין מיר איצט נאָך דער נס פון דער מאַנדעל,
וואָס איז אויף מיין סידור געפאַלען פון אויבען
און אַלעמאָל איז מיר אַ טרייסט דיך צו לויבען
און בעטען: באַפריי מיך פון ערדישען טאַנדעל.

מיין פנים ציה אָן מיט אַ מאַסקע פון אייזען
ס׳זאָל קיינעם קיין שאָטען פון גנאָד נישט באַווייזען
און האַרט זאָל עס בלייבען אין וואָכיגע טעג.

נאָר פרייטאג פאַרנאַכט זאָל עס ווערען פאַרצויגען,
ווי קידוש־ווײַן איינגעהילט פון גוים׳ס אויגען
ביז שבת קומט. ווען ס׳ווערט מיר קלאָרער מיין וועג.

דו מיין ליכטיגקייט אין שיין פון ליידען,
האַלט מיין חרוב׳דיגען גייסט צוזאַמען.
היט עס זאָלען נישט די שוואַרצע פלאַמען
פון גהינום מיך דערגרייכען, סיידען

קיינעם קען זיין לעצטער בראָך נישט מיידען
און דאָס גסיסה־ליכט אין מיין שוואַרצאַפּעל,
האָט נאָך נישט דערגרייכט דעם לעצטען שטאַפּעל.
אָפּגעברענט די היילגסטע געביידען,

זיץ איך אויף די חורבות אַ מקונן,
וואַרט ער זאָל מיך פאַר מיין צער באַלוינען,
איידער ס׳טליעט אוים מיין לעצטער גלויבען.

נאָר ביז ער וועט מיין געבעט דערהערען
און מיין ליכטיגקייט וועט לויטער ווערען
איז מיין זעל אַ שריפט אויף פייכטע שויבען.

האָפנונג מיינע ! אָפט, אין נעכט פון שוואַרצע שעה׳ען,
האָסטו דיינע בלאָע ליכט מיר אָנגעצונדען,
און דיין פרומע ווייסע האַנט האָט אָפט פאַרבונדען
אַלדאָס שוואַרצע מיט דעם מאָרגענדיגען בלאָען.

פיינליך פלעג איך וואַרטען ס׳זאָל אויף טאָג שוין גראָען,
אַז דאָס שוואַרצע פייער זאָל שוין זיין פאַרשוואונדען,
און ווען ס׳האָט מיין פיין דערגרייכט די טיפסטע גרונדען,
האָט דיין אָטעם אָפגעיאָגט די סטאַיע קראָען.

פלוצלונג ביזטו איצט מיר פרעמד געוואָרען,
אָפטמאָל קרייצט מיך דורך אַ שרעק: מעג איך נאָך האָפען?
און פאַרצווייפלונג וויל אינגאַנצען דיך פאַרשטעלען.

האָפנונג שטראָף מיך נישט, ווענד אָפ דיין מילדען צאָרן,
זאָל מיין צער נישט מיינען ביזט פון מיר אַנטלאָפען.
האָפנונג, מיין נשמה בעט ביי דיינע שוועלען.

איך שטיי מיט ערפורכט פאַר די ברייטע פענסטער דריי
פון שטוב, וואו איך בין וואונדערליך געבוירען.
די שענסטע יאָרען האָב איך שוין פאַרלוירען,
און ס׳גליק, וואָס דאַרף ערשט זיין איז דאַכט זיך אויך פאַרביי.

עס שטייען פאַר מיר די קינדעריאָרען אין אַ ריי
און מאָנען דאַנק פאַר אַלץ, וואָס איז פאַרגאַנגען.
געמיינט אַנ׳אַנדער פעלד האָט אַנדערע זאַנגען,
און טראַכט אַצינד מיט פיין צי ס׳איז געווען כדאי.

אין יעדען פענסטער שטייט אַ וואַזע בלומען,
ס׳האָט קיינער נישט געוואוסט, אַז איך וועל קומען,
און זיכער נישט דער גוי, וואָס וואוינט איצט דרין.

די שטוב מוז איצטער זיין, ווי דריי סאַלאָנען.
גאָט, וויפיל קינדער ס׳האָבען היינט באַלאָנען.
איך ווייס נישט וואו איך בין, נאָר כ׳ווייס איך בין.

די הייזער האָבן זיך פאַרנויגט, די שטיינער מיך געגריסט,
ווען איך בין אויף די גאַסן פון דער היים געגאַנגען,
מיין האַרץ איז מיר ווי מאַרמעלאַד אין אַ קינד'ס מויל
צוגאַנגען
און איך זעה קלאָר אויף אינגלאכ'ס פנים'ער: מיין גליק
פאַרדריסט.

און ווידער טראַכט איך: ס'לעבן איז אַ מדבר גרויס און
וויסט,
פאַרלאָזט אַ היים און בויסט אַ נייע — רייכער, שענער,
און ווי דיין הויז ווערט גרעסער ווערט דיין זעל אַלץ קלענער,
ביז וואַן דו זעסט, אַז אַל דיין מי און פיין איז גאָר אומזיסט.

און האָב איך אָנגעטראָפען ערגיץ אַ באַקאַנטען,
אַ פריינד מיר פרעמדע, צי אַ נשמה'דיג פאַרוואַנדטען,
וואָס האָט געאיילט זיך ס'לעבן זיינס אַנטפּלעקען מיר אויף
גיך,

דאַן איז מיר ווידער יעדער שטיין געוואָרען טייער.
און איך האָב אָפּגעאטעמט קינדישער און פרייער,
ווען כ'האָב דערזען אַ צערטליך אינגעל גאָלדיג-בלייך ווי
איך.

ווי בראַנד־טייער ברויט און צוקער איז די צייטען,
די טראַמוויייען אָפּגעבליאַקעוועט און קליין.
מיט די נאָענטסטע אפילו בין איך איצט אַליין,
אַ רחמנות אויף אַ וועלט, וואָס מוז זיך בייטען.

וויפיל צער די שילדען זינגען פון די קלייטען,
שענסטע שיינקייט פון אַמאָל איז מער נישט שיין,
אין געלעכטער פון די ליבסטע רינט געוויין
און די גרינגסטע ווערטער טראָגען שווערע קייטען.

ס'איז מיר אומקלאָר וואָס איך ברענג דאָ, פרייד צי טרויער,
אַז מיין שטילע הילף זינגט גאַסען־לידער
און א זקן פאָלגט אָהן ווערטער, וואָס אַ אינגעל הייסט.

צווישען מיר און גאָט איז איצט די וועלט אַ מויער,
און דער גרינגסטער גלויבען מאַכט מיך מידער.
באַנען און דער ברום פון שיפען זענען איצט מיין טרייסט.

כ׳געדענק דיך אַ חסיד׳ל, שמואל׳יקעל ברענער,
דערנאָך אַ סטודענטל שוין פּוילישלאַך שמוליק,
אַצינד ביזטו פּראָסט אַ משומד, אַ זשוליק,
באַרעדסט די חברים און מיינסט דאָס איז שענער.

קיינמאָל נישט געוועזען קיין צו גרויסער קענער,
פון קלוגשאַפט ביזט אויך נישט געוועזען קיין מוסטער,
אַצינד ביזטו נאַרישער, טעמפּער און פוסטער,
און אַלע מאָל קליין, ביזטו איצטער נאָך קלענער.

ס׳איז גוט, וואָס עס האָט גראָד דעם אוועקט געגעגענט,
ווייל ס׳איז מיר אַ שאַנד, וואָס איך האָב דיך באַגעגענט
און מער ווי אַ פּיין, וואָס כ׳האָב מיט דיר גערעדט.

גאָט ווייסט, אַז עס איז נישט מיין שטאָלץ אָדער צאָרן,
בלויז פּיין, וואָס עס איז פון אַ חבר געוואָרען,
און פּיין, וואָס עס בלוטיגט דורך דיר מיין סאָנעט.

איך זוך אַרום דאָס גראָז פֿון יענער שיינקייט,
וואָס כ׳האָב פֿון ווייט אויף שריט און טריט פֿאַרפּלאָנצט,
נאָר דאָ וואו ס׳האָט מיין אינגעל-פֿרייד געטאַנצט,
שטייט איצטער מיטעליעריג מיין אַליינקייט.

אַ וואַנדער-לעבען ווײנט איצט אויף מיין ריינקייט,
נאָר אַלץ וואָס אייגען ווערט מיר ווידער פֿרעמד.
און מיט דעם קלאַגליעד: ס׳איז דאָס לעצטע העמד,
פֿאַרשענק איך לעבענס-אָפּפֿאַל פֿון מיין קליינקייט.

דו ווייטע צייט, וואָס קען איך פֿון דיר וועלען,
מיין שאָטען וועט דיך סוף כל סוף פֿאַרשטעלען,
פֿאַרשווינדען וועט מיין קינדהייטס לעצט געביין.

און איצט בלויז קען איך דיר מיין ודוי געבען,
דעם גאַנצען אמת פֿון אַ האַלבען לעבען:
די וועלט איז אָרעם און מיין האַרץ איז קליין.

אויב שיינקייט, אמת זענען בלויז אַבסטראַקטען,
לויט ס׳האָט דיין שווייגען נאָך די דרייצען יאָר גערעדט,
דאַן וואָס חוץ אונזער טויטער ליבשאַפט איז קאָנקרעט,
און וואָס קען בליען אויפ׳ן זאַמד פון פאַקטען?

געאַקערט האָבען מיר אויף פרעמדע טראַקטען,
איצט שטייען מיר ווי שאָטען קעגען שאָטען שטום,
מיט האַס פון ליבשאַפט קוקען מיר זיך שטאַר אַרום
און לעזען שטום באַשולדיגונג לויט אקטען.

אונז ווייזט זיך אוים: אַט גליט דער סאַלאַמאַנדער,
נאָר ס׳שוואַרצע שווייגען ביישטט אונז בייז פאַנאַנדער
און שווער געפינען מיר צוריק די וועגען.

צוריק באַזונדער — וואָס קען אונז דערמאַנען,
אַז וועלט איז וועלט, חוץ טאָג וואָס איז פאַראַנען
און חוץ די ברכה פון אַ מילדען רעגען?

קאַטוילישע קירכען מיט אָפענע טירען
און מאַניענדיג ליכט פון אַלטאַר אין דער טיף,
די שטיגען פול בעטלער מיט פּאַפּסטליכע בריף —
ס׳קען מער מיך מיט שרעק צי מיט רייץ נישט פאַרפירען.

די הייליגע פענסטער מיט פרומע קאָלירען,
דער ריח פון ווייררויך, די קילקייט פון רוים,
כ׳ווייס גאָט איז אין הימעל און דאָס אַלץ איז שוים,
און כ׳ווייס אַז אַ סאַנקט איז אַ קירך צו באַצירען.

נאָר ס׳ברעכט זיך און פאַלט אין מיין גלויביג געמיט
און פינסטער באַגרייף איך, אַז איך בין אַ איד,
אַז איבער מיר וואַכט ווער און הערט מיך און זעט.

ס׳אַנטפלעקט זיך און לייכט אויף דער סוד אין מיר העל:
אין שטעפאנס-דאָם, ווין, אינ׳ם קייזער׳ם קאַפעל,
קניט איצט נאָך אין פיין מיין פאַרוואָגעלט געבעט.

טרייענגעל לינאָטאַיפּינג דרוקעריי, ניו יאָרק.

181